למקום: פון ליובאַוויטש קיין ראָסטאָוו, אין מדבר ראָסטאָוו איז נסתלק געוואָרן מאור עיני ישראל און נגנז געוואָרן דער ארון הקודש הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק. פון ראָסטאָוו האָט מען אונז אַריבערגע־פירט בגלות פעטערבורג, פון פעטער־בורג בגלות לאַטוויע, פון לאטויא בגלות פוילן און פון פוילן האָט אונז השי"ת געבראַכט אין גלות אַמעריקא.

אין משך פון מיין נסיעה פון ריגא קיין ניו־יאָרק האָב איך איבערגע־טראַכט און איבערגעלעבט די הויפּט־פּאַסירונגען וואָס האָבן מיט מיר פּאַ־סירט אין משך פון מיינע פיר און פער־ציק מסירות נפש כלל אַרבעט יאָרן, און אַ אויסגעמאַטערטער און צובראָ־כענער פון צרות ישראל, הכלל והפרט, בין איך געקומען אין דער גשמיות טור־מעלדיקער אַמעריקא.

יעדן יום טוב גיט מען מלמעלה גע־וויסע כחות אויף צו קענען דורכפירן אין עבודה בפועל די גילוים פון דעם דאָזיקן יום טוב. בחג השבועות גיט מען יעדער אידן מלמעלה אַ כח מיוחד אויף קבלת התורה. מיר געקומענע אין אַמעריקא מוז און באַדאַרף השי"ת אונז געבן באַזונדערע כחות רוחנים וגשמים, אַז מיר זאָלן זיך ניט פאַר־שפּילן אין דעם אַמעריקאַנער גשמיות'־דיקן גוט, און מיר זאָלן אַרבעטן מיט די גרעסטע מסירות נפש כחות צו מאַכן אַמעריקא פאַר אַ מקום תורה.

מיר געקומענע — באמת געזאָגט ניט געקומענע נאָר געבראַכטע — האָט מען אונז געבראַכט אַהער אויף מסירת נפש אַרבעט צו מאַכן אַמעריקא פאַר אַ מקום תורה. איך ווייס גאַנץ גוט וואָס פאַר אַ מסירות נפש כחות מען באַדאַרף אויף דעם. אָבער איך בין זיכער אַז בזכות אבות קדושים וועלן מיר מצליח זיין אין אונזער מסירת נפש אויף תורה ומצות בדרכי החסידות.

אין משך פון אַ געוויסן זמן וועט ישיבת תומכי תמימים ליובאַוויטש ווערן די גרעסטע ישיבה און די תלמידי הישיבה וועלן באַלייכטן די אידישע הייזער און וועלן געבן אַ הגבהת רוח די היגע רבנים אַז זיי זאָלן זיך נעמען צו הרבצת תורה.

היינט, אין דעם ערשטן מתן תורה יום טוב וואָס מיר געקומענע גלות אידן זיינען אין אַמעריקא, באַדאַרפן מיר זיך איבערגעבן מיט אַלע אונזערע כחות עצמיים צו דער שליחות אַרבעט, און ניט אָפּשטעלן זיך פאַר קיינע מניעות ועיכובים, והשי"ת יצליח לנו.

ב. היינט חג השבועות, זמן מתן תורתנו להצלחה בגשמי' וברוחניות איז אונזער — גולי מדינת רוסיא המבורכה בתורה ודרכי החסידות — ערשטער חג השבועות אין דער הייליקער שליחות אין גלות אַמעריקא.

עס איז מיר זייער שווער איצטער צו זאָגן און דערציילן די עתידות ווי השי"ת וועט אונז באַגליקן דאָ אין דער גשמיות גליקלעכער לאַנד אין אונזער שליחות, אַז אין עטלעכע יאָר וועלן די ישיבות תומכי תמימים ליובאַוויטש לייכטן מיט דער ליכט פון תורה ומצות.

מובטחני בזכות אבותי הקדושים אַז גאָר אין אַ קורצער צייט וועט די ישיבה תומכי תמימים ליובאַוויטש אין אַמעריקא ניט נאָר זיין די ערשטע גרעסטע פאַרצווייגטע ישיבה אין לאַנד, נאָר זי וועט אויך זיין דער אור המאיר און כח המעורר ומורה דרך ההתעסקות להרבנים וראשי הישיבות, וה' יצליח לנו בגשמיות וברוחניות.

אוצר החכמה

ג. צווישן דעם עלטער זיידנס, דעם רבי צמח צדק, פארצייכנונגען פון די קינדער יאָרן, זיינען פאַראַן געוויסע דערציילונגען וואָס זיין זיידע, רבינו הגדול, האָט דערציילט פון זיינע קינדער יאָרן.

ווען איך — זאָגט רבינו הגדול — בין געווען בן חמש האָב איך געוואוסט דעם ענין[100]) פון ונשמות אני עשיתי, די שתי נפשות וואָס זיינען פאַראַן באַ יעדער בן און בת ישראל, אַ נפש אלקית און אַ נפש הבהמית. אין יענער צייט האָב איך זיך שטאַרק משתדל געווען און געלייגט אַ שטאַרקע יגיעה אַז דאָס וואָס איך ווייס זאָל איך וויסן לעומקו של דבר.

איך האָב דאָן אַ סך געטראַכט וואָס איז דער אונטערשייד צווישן די צוויי נשמות, עס איז דאָך ונשמות אני עשיתי, זיינען דאָך ביידע וואָס אני עשיתי.

עס האָט מיר גענומען אַ געוויסע צייט ביז השי"ת האָט דערלויכטן מיין כח השכל אַז ביידע, דער נפש האלקית און דער נפש הבהמית, פאַרמאָגן כחות רוחנים וואָס באַלעבן די כחות הנפש פון שכל ומדות רצון און עונג, נאָר דער אונטערשייד צווישן די צוויי נפשות איז:

דער נפש האלקית איז זיין פאַרגעניגן און וועלן אַז זיין שכל פאַרשטאַנד און מדות באַגער און טראַכטן ריידן און טאָן זאָלן זיין איבערגעגעבן צו לימוד התורה קיום המצות און מדות טובות.

דער נפש הבהמית, הגם ער איז אַ נפש רוחני, דאָך איז זיין באַנעם נאָר אין דעם קערפּערליכן גוט, און ער דערוועקט אַלע כחות, הן כחות מקיפים פון פאַרגעניגן און וועלן, און הן כחות פנימיים פון פאַרשטאַנד און מדות, און הן די לבושים פון מחשבה דבור ומעשה, אַלץ אין גשמיות.

ווען איך האָב טיפער באַטראַכט דעם מהות רוחני פון די ביידע נשמות אין זייערע אופני ההשתדלות ווירקן אויף דעם מענטשן, האָב איך אויסגעפונען זייער פאַרשידנאַרטיקייט אין זייערע אופני הפעולות. דער נפש האלקית איז אָפנהערציק און דער נפש הבהמית איז אַ שקרן במהותו און קומט לפתות בכל המיני שקרים.

ווען איך האָב אויסגעפונען דעם מציאות המהות פון דעם נפש הבהמית, האָט מיר השי"ת געהאָלפן אַז איך זאָל אויסגעפינען די דרכי ההכרה, ווי מען זאָל קענען וויסן אין יעדער זאַך פון דברים המותרים וואָס דער מענטש האָט צו זיי אַ המשכה און אַ רצון, פון וועמען קומט די המשכה, צי פון נפש אלקית צי פון נפש הבהמית.

עס איז דורך אַ געוויסע צייט האָט השי"ת דערלויכטן עיני שכלי אויף צו פאַרשטיין אַז עס איז פאַראַן אַ נפש השכלית, וואָס דער נפש באַלייכט דעם מענטשן ער זאָל האָבן אַ געוויסע הכרה אין דעם אמת פון נפש האלקית און אין דער פאַלשקייט פון דעם נפש הבהמית, און דאָן בין איך געווען זיכער אַז איך בין געקומען צו דעם ריכטיקן דרך החיים.

ד. דער זיידע — רבינו הזקן — דערציילט מיר אַז נאָך אין זיינע קינדער יאָרן איז ער געווען אַ מסודר אין שמירת הזמן. דער זמן קימה איז געווען

100) ראה תניא פרק א—ב.

אוצר החכמה
אה"ח 1234567

בהשכמה. דער זיידע הגאון ר' משה[101]) פלעגט דאַווענען מיט דעם ערשטן השכמה מנין.

באַלד נאָכן דאַווענען זעצט זיך דער זיידע לערנען דעם גמרא שיעור בעיון ביז מנחה. דער זיידע הגאון ר' משה איז געווען רגיל צו דאַווענען מנחה גדולה און נאָכדעם גיין עסן סעודת שחרית.

דריי מאָל אַ וואָך איז דער זיידע געווען אַ יושב בתענית: ביום השני וחמישי וערב שבת. בימי התענית איז דער זיידע הר"מ געווען שטאַרק צו־בראָכן און פאַראומערט, פלעגט זאָגן תהלים מיט שטאַרקע בכיות.

ביים פאַטער אין גוט זיינען געווען אַרבעטער: ר' אַברהם ליב דער טעפּער, ר' אלי' בער דער וואַליק קלאַפּער און ר' זונדיל אהרן דער רועה, זיי זיינען געווען פון די ותיקין מתפללים. דער זיידע הר"מ האָט מיר אָפּטמאָל געזאָגט מיט פאַרביטערקייט, אַז ער פילט שטאַרק דעם עונש שלמעלה וואָס ער באַדאַרף דאַווענען מיט די עמי הארצים.

איניקע פון די עוברים ושבים וואָס פלעגן פאַרבייגיין זיינען געווען לומדים מופלגים, צווישן זיי שטאַרקע מחדשים. דער זיידע הגר"מ פלעגט מקבל נחת זיין פון זייערע חידושי תורה. מזמן לזמן פלעגן איניקע פון זיי פאַרבלייבן איניקע וואָכן ביים פאַטער אין גוט און טאָן פאַרשידענע אַרבעט, און נאָך דער אַרבעט פלעגן זיי זיצן אין בית המדרש און לערנען.

אַז עס איז נחלט געוואָרן אַז איך זאָל פאָרן למקום תורה, איז ביים זיידן הגר"מ געווען חדוה תקיעא בליבא מסטרא דא און בכי' מסטרא דא. דער זיידע איז געווען זייער שטאַרק צופרידן פון דעם וואָס איך פאָר למקום תורה, צו קונה שלימות זיין אין לערנען, אָבער מיין אַוועקפאָרן איז פאַר דעם זיידן געווען אַ שטאַרקער צער. אָבער ער האָט זיך געטרייסט מיט דעם וואָס איך בין געפאָרן קונה שלימות זיין אין ידיעת התורה.

זייענדיק אין ליובאַוויטש בא הגאון ר' יוסף המגיד דליובאַוויטש און חתנו הגאון ר' יששכר דוב וואָס איז געווען מפורסם פאַר אַ גאון און מחדש, האָט דער ליובאַוויטשער מגיד באַלד דער־קענט מיין מצב אין לערנען און האָט מיך מסדר געווען איך זאָל לערנען בא זיין אידים הגאון אין ליובאַוויטש.

— דער ליובאַוויטשער מגיד הר"י האָט געהאַט אויף אים אַ גרויסע השפעה מיט זיינע השגה ביאורים אין ידיעת ה' ואהבתו ויראתו ית' און האָט אים צוגעגעבן געוויסע הוראות אין לימוד און הדרכה בדרכי החסידות און עבודת התפלה על פי סידור האריז"ל און ספרי קבלה. —

אומקערנדיק זיך פון ליובאַוויטש האָב איך געהאַט אַ געוויסן סדר אין לימוד הנגלה וואָס הגרי"ד האָט מיר מסדר געווען, אַ סדר הלימוד אין קבלה און אַ סדר הנהגה אין דרכי החסידות מיט אַ אזהרה גדולה אין הצנע לכת.

דער זיידע הגר"מ האָט זיך זייער געפרייט מיט מיין קומען. ער איז יענעם טאָג געווען אַ יושב בתענית כמנהגו בכל יום שני חמישי וערב שבת, האָט ער מחדש געווען אַ טיפן חידוש תורה אין דעם ענין פון התרת נדר מצד כבוד

101) הכונה לאבי זקנו של רבנו הזקן ר"מ פויזנער. ראה שיחת ליל שביעי של פסח אות כ.

אוצר החכמה
אוה"ח 1234567

אה"ח 1234567

בן תורה, וואס מורי הגרי"ד איז געווען פארוואונדערט אויף דעם זיידנס טיפע מסודר'דיקע גאונות.

אוצר החכמה

מיין פאטער האט זיך זייער געפרייט מיטן אורח און דער אורח הגרי"ד האט ממלא געווען זיין רצון און האט פארבראכט א פאר וואכן צייט ביים פאטער. ער פלעגט דאווענען מיטן מנין וואס מיין פאטער דאווענט און נאכן דאווענען פלעגט ער לערנען זיינע שיעורים און איז געווען זייער צופרידן הערן פון דעם זיידן הגר"מ חידושי תורה.

דער זיידע האט זיך שטארק געפרייט מיט מיין צוריק קומען, ער האט מיך פארהערט אין לערנען און איז געווען צופרידן, ער האט מיר ארויסגעגעבן א סדר הלימוד וועלכן איך האב שטארק אפגעהיט.

פון מיינע קינדער יארן האב איך ליב געהאט די פעלד און האב געהאט מיינע געוויסע ערטער צווישן בוימער און תבואה פעלדער וואו איך האב ליב געהאט צו לערנען קומנדיק פון חדר. ווען איך בין געקומען פון ליובאוויטש האב איך זיך מסדר געווען צווישן די בוימער וואס זיינען געווען לעבן די ארבעטס פלעצער פון ר' אברהם ליב דעם טעפער און ר' אלי' בער דעם וואליק קלאפער.

קומנדיק פון ליובאוויטש פלעג איך אפט גיין אין וואלד אדער אין די פעלדער וואס לעבן דעם גוט, און אפט פלעג איך טרעפן ר' זונדל אהרן דעם רועה זיצנדיק פארטראכטערהייט מיט א שיינענדיקן פנים.

אין ליובאוויטש האב איך זיך דערוואוסט אז עס זיינען פאראן גרויסע גאונים צדיקים נסתרים וואס גייען אין גלות אדער זיינען זיך מסדר אין געוויסע ערטער אלס פשוט'ע ארבעטער, אבער באמת זיינען זיי גאונים אדירים צדיקים נסתרים.

עס איז דורך א געוויסע צייט, איך בין געווען אין וואלד און געטראכט א טיפן ענין אין קבלה. אין דעם האב איך געהערט ווי איינער לערנט אויפן קול מיט א שטארקער בנעימות. איך בין שטיל געגאנגען נאך דער שטימע און האב געזען ווי ר' זונדיל אהרן זיצט אויף א בערגל אונטער א בוים און לערנט בשמחה בפנים מאירים. דאן האב איך געוואוסט אויף זיכער אז ער איז פון די צדיקים נסתרים.

איך האב זייער געוואלט באקאנט ווערן מיט אים אין לערנען, אבער נאך א געוויסער איבערלייגונג האב איך מחליט געווען אז איך זאל אים ניט מבלבל זיין אין זיין סדר עבודה. די באקאנטשאפט מיט דעם סדר החיים פון די צדיקים הנסתרים האט שטארק געווירקט אויף מיין הנהגה און שאיפה צו א סדר פון דרכי החסידות.

איך האב שטארק מכבד געווען דעם אופן הלימוד פון דעם זיידן הגר"מ און פלעג זיין זייער צופרידן צו הערן זיינע שיעורים מיט די גאונישע מסודר'דיקע כללות'דיקע יסודות און הסברים, אבער איך האב בשום אופן ניט געקענט צונעמען זיין קאלטע טרוקענע יראת שמים הנהגה מיט דער צופרידענער הנהגת עצמו.

מזמן לזמן האב איך זיך מער באקאנט מיט די לומדים וואס פלעגן דורכגייען, און איך האב שוין געהאט א עין בוחנת אויף צו דערקענען די צדיקים הנסתרים, וואס דער דערנענטערן זיך

צו זיי האט געהאט אויף מיר א שטארקע ווירקונג אין אופן העבודה פון תורה ועבודה.

עס איז דורכגעגאנגען א געוויסער זמן, איך האב געלערנט בהתמדה רבה, איז צוגעגאנגען ר' אברהם ליב דער טעפער און האט אנגעהויבן מבאר זיין די סוגיא ווי ער האט געלערנט. איך בין געווען שטארק צופרידן און האב אים געפרעגט פארוואס באהאלט ער זיך און מאכט אן אנשטעל פון אן עם הארץ. האט ער מיר געזאגט אז איך וועל עלטער ווערן וועל איך דאס וויסן. און האט מיר געזאגט אז ר' אלי' בער איז א בקי אין בבלי וירושלמי רמב"ם וד' טורים ושו"ע בעל פה, און איז א ווילדער תפסן און זכרן, און ר' זונדל אהרן איז א ווילדער עמקן.

פארוואס איך האב זוכה געווען אז די גאונים נסתרים האבן זיך צו מיר מגלה געווען האב איך ניט געוואוסט. אבער זייער התגלות איז פאר מיר געווען א הצלחה רוחנית. איך האב געפילט ווי יעדן טאג ווער איך נענטער צו עבודה פנימית און רייכער אין ידיעה רחבה והשגה מסודרת, ואודה להשי"ת.

ה. איך וועל אייך איבערגעבן איינעם פון די ספורים וואס דער עלטער זיידע דער רבי צמח צדק האט באשריבן אין זיינע זכרונות.

דער ישוב'ניק ר' יוסף מאיר איז געווען זייער פשוט אין ידיעת התורה, אבער א גרויסער ירא שמים און א זהיר במצות. עס איז געווען אין די יארן וואס מורנו הבעש"ט איז נאך געווען גאר יונג און האט זיך עוסק געווען אלס א באהעלפער בא א מלמד תינוקות.

ר' יוסף מאיר האט געלעבט אין א ישוב לעבן פאלאצק און האט געהאט פיינע פרנסה. ער און זיין פאמיליע זיינען אלע געווען ערלעכע מענטשן, ער האט געהאט צוויי זין און איין אידים. הגם ר' יוסף מאיר האט זיך געלאזן קאסטן געלט אויף מלמדים אבער עס האט ניט געהאלפן. ער האט זיך משדך געווען מיט בני גילו בעלי עסקים אין ישוב און אין שטאט.

ר' יוסף מאיר האט שטארק מצליח געווען. ער און זיין פרוי, די זין און זייער אידעם זיינען געווען אויסערגעוויינלעכע בעלי צדקה, פלעגן געבן גרויסע נדבות און ווען עס איז צו זיי געקומען א אורח האבן זיי אלע אים באדינט און געגעבן א שיינע נדבה.

אלע וואס זיינען דורכגעפארן דעם ישוב האבן געוואוסט, אז בא ר' יוסף מאיר'ן וועט מען קריגן א פיינע נדבה און א גוטע אכסניא, אבער דאס רוב אורחים תלמידי חכמים פלעגן אפט לאזן פילן ר' יוסף מאיר'ן און די קינדער, אז זיי זיינען פראסטע מענטשן, וואס עס האט זיי זייער שטארק צובראכן.

צווישן די עוברים ושבים זיינען געווען אזעלכע וואס פלעגן פארברענגען עטלעכע טעג און פלעגן ניט וועלן נעמען קיין נדבות און ניט נהנה זיין משלחן אחרים, פלעגן זיי ארבעטן בא ר' יוסף מאיר'ן פארשידענע ארבעט. אייניגע פלעגן מקרב זיין ר' יוסף מאיר'ן מיט די קינדער און אידים, וועלכע האבן זיך געפילט גליקליך מיטן קירוב.

ר' יוסף מאיר און זיינע קינדער און אידעם זיינען געווען זייער צופרידן מיט די עוברים ושבים בכלל און מיט די וואס פלעגן זיי מקרב זיין און אמאל לערנען מיט זיי בפרט. און אין א משך

אוצר החכמה

פון אַ גערויסער צייט האָט רי"מ און זיינע קינדער און איידים געקענט שוין אַליין לערנען אַ לייכטן לימוד.

ר' יוסף מאיר מיט זיינע קינדער און איידים האָבן באַ זיך אין הויף אָפּגעליידיקט א גרויסע דירה פאַר אַ בית הכנסת און הכנסת אורחים, און האָבן אַליין באַדינט די אורחים מיט גרויס פאַרגעניגן. אַלע, אַפילו די גדולי התורה וועלכע פלעגן האַלט האָבן אָפּצולאַכן פון אַ פּראָסטן מענטשן, האָבן מכבד געוועזן רי"מ מיט זיינע קינדער און איידים פאַר זייערע אמת'ע נדיבות און מעשים טובים.

איינער פון די עוברי אורח, וועלכער איז געוועזן אַ לענגערע צייט באַ רי"מ אין הכנסת אורחים האָט ניט געוואָלט נהנה זיין בחנם פון שלחן אחרים, האָט ער געאַרבעט באַ רי"מ אין מיל. בעת דער אַרבעט פלעגט ער זאָגן תנ"ך און משניות בעל פה, און נאָך דער אַרבעט פלעגט ער זיצן אין בית הכנסת און לערנען זייער געשמאַק.

רי"מ האָט זייער מקנא געווען ווי ר' חיים שמואל דאַוונט און לערנט אַזוי געשמאַק, און באַזונדער האָט ער מקנא געווען דאָס וואָס ר' חיים שמואל לערנט עשרים וארבע און משניות בעל פה, און רי"מ האָט גענומען לערנען חומש בעל פה און ווען ער האָט שוין געקענט חומש בראשית בעל פה איז ער געווען בשמחה גדולה.

ר' חיים שמואל דער מילנער האָט פאַרגעלייגט ר' יוסף מאיר'ן און די קינדער מיטן איידים צו לערנען אַ שיעור קבוע יעדן טאָג. ווען עס איז דורך אַ גרויסע צייט זיינען רי"מ מיט די קינדער קלאָר געוואָרן חמשה חומשי תורה בעל פה און האָבן כסדר געחזרט.

ר' חיים שמואל דער מילנער פלעגט דערציילן רי"מ מיט די קינדער סיפורים פון מורנו הבעש"ט, זיינע גרויסע מדות טובות און הנהגות בכלל און זיין אהבת ישראל בפרט, און ווי מורנו הבעש"ט איז מקרב די פשוטע אידן, און אז מיט דעם קירוב האָט מורנו הבעש"ט געמאַכט פילע הונדערטער אידן פאַר בני תורה און בעלי עבודה.

רח"ש'ס סיפורים וועגן מורנו הבעש"ט האָבן מעורר געווען באַ רי"מ אַ תשוקה צו פאָרן זען די הנהגות פון מורנו הבעש"ט. נאָך אַ ישוב הדעת מיט די קינדער און איידים איז ער געפאָרן צו מורנו הבעש"ט און פאַרבראַכט אַ משך זמן. מורנו הבעש"ט האָט אים געגעבן אַ סדר הנהגה. ער איז געקומען צוריק אַ היים און האָט געשיקט די קינדער און דעם איידים צום בעש"ט.

ווען איך בין געקומען דעם ערשטן מאָל צום רבי'ן אין מעזריטש, האָב איך געטראָפן איבער צוויי מנינים זקנים און איבער אַ מנין זקנים וועלכע האָבן נאָך געקענט די זקני צדיקים הנסתרים פאַר מורנו הבעש"ט. די זקנים פלעגן דערציילן די סיפורים און הנהגות וואָס זיי האָבן געזען פון מורנו הבעש"ט ווען ער איז נאָך געווען אַ נסתר.

איינעם פון די זקנים האָב איך דערקענט, ר' יוסף מאיר דער מכניס אורח האָט מען אים גערופן. ווען ער פלעגט קומען צום טאָטן צו גאַסט פלעגן אים אַלע, אַפילו דער זיידע ר' משה, מכבד זיין.

אַז איך בין געקומען אין מעזריטש, און מחליט געווען צו זיין אַ געוויסע צייט ביים רבי'ן אין מעזריטש, האָט דער זקן רי"מ געזאָגט ברכת שהחיינו בשם ומלכות וואָס ער האָט דערלעבט זען בעיניו דאָס וואָס מורנו הבעש"ט האָט מגלה געווען ליחידי סגולה מתלמידיו הקדושים ווער מיין נשמה איז און וואָס פאַר אַ דרך אין עבודת השם בדרך החסידות חב"ד איך באַדאַרף במסירת נפש דורכפירן.

דער זקן ר' יוסף מאיר און די אי־בעריקע זקנים האָבן מיך שטאַרק מקרב געווען און פלעגן מיר דערציילן סיפורים פון דער חבריא צדיקים הנס־תרים, ביחוד זיינען די זקנים ר' ברוך משה, ר' אהרן ביינוש, ר' משה יצחק, ר' שלמה יצחק געווען פון די מספרים דייקנים וואָס האָבן געדיינקט את הצדיק נסתר ר' אליעזר אביו של רבינו הבעש"ט און האָבן געדענקט מורנו הבעש"ט פון די קינדער יאָרן.

ו. אין אַ חסידישן ניגון שפּיגלט זיך אָפּ דער מהלך רוח פון דעם וואָס האָט מחבר געווען דעם ניגון. אַ ניגון איז אַ געוויסע איבערלעבונג, זיינען פאַראַן אין דעם צוויי אופנים: אַ אי־בערלעבונג וואָס גיט זיך איבער אין אַ ניגון, און אַ ניגון וואָס שאַפט אַ איבערלעבונג.

רבינו הזקן איז געווען אַ געבאָרע־נער מנגן. זייענדיק אין מעזריטש האָט ער מקבל געווען אַ סך ניגונים וואָס מען האָט געזונגען באַ מורנו הבעש"ט און האָט זיי איינגעחזרט בדיוק. יע־דער ניגון האָט געהאַט זיין נאָמען לויט די תולדות פון דעם ניגון, ווער עס האָט אים מחבר געווען, אין וועלכן זמן און וואָס פאַר אַ פּאַסירונג דער ניגון דערציילט.

הצדיק ר' מיכל מזלאטשוב[102]) איז געווען אַ גרויסער מחדש פון ניגונים. מורנו הבעש"ט האָט געזאָגט אַז הצדיק ר' מיכעלע איז אַ אָפּטער אריינגייער אין היכל השיר און קלייבט אויס התעוררות און תשוקה ניגונים.

אַמאָל איז הצדיק ר' מיכל געווען חלוש בבריאותו, און מצד חלישותו האָט ער דאַן ניט געקענט גיין צו מורנו הבעש"ט. דאַמאָלסט האָט ער מחדש גע־ווען דעם ניגון באַוואוסט באַ חסידים מיטן נאָמען ר' מיכעלע זלאָטשובערס געגועים ניגון, וואָס רבינו הזקן האָט געבראַכט קומנדיק פון מעזריטש.

ר' מיכעלעס געגועים ניגון איז איינ־געטיילט אין דריי חלקים: דער ערשטער טייל איז מצייר די שטאַרקע בענקע־ניש און גרויסע געגועים. דער צוויי־טער פאַל איז די גליקלעכע גרויסע שמחה ווען ער קומט צו מורנו הבעש"ט, און דער דריטער פאַל איז די התעוררות הדבקות און איבערגע־געבנקייט למורינו הבעש"ט.

ז. רבינו הזקן קומנדיק פון מעז־ריטש האָט מפרסם געווען דעם דרך פון מורנו הבעש"ט אין עבודת התפלה בהתבוננות און האָט באַלד מגלה גע־ווען דעם דרך החב"ד, וואָס האָט גע־מאַכט אַ געוויסן שטאַרקן רושם באַ די לומדים. די זקני תלמידי הגר"א האָבן געשיקט עטלעכע פון די זקני גאוני וויטעבסק צום גאון און באַקלאָגט זיך אַז דער ליאָזנער עילוי איז געוואָרן אַ מעזריטשער תלמיד און איז מפרסם

102) הצדיק ר' יחיאל מיכל (תפ"ו־תקמ"א) בן הצדיק ר' יצחק מדרוהוביטש. ראה ג"כ שיחת ח"י אלול תשי"ג ע' 34.

אוצה"ח 1234567
אוצר החכמה

תורת הבעש"ט והמגיד ממעזריטש און האט זייער א גרויסע השפעה אויף די יונגע גדולי התורה און איז אויך מקרב אנשים פשוטים ועמי הארץ. האט דער גאון געענטפערט אין לי עסק בנסתרות.

ח. דער "תולדות"[103] איז געווען רגיל אז ער פלעגט מזמן לזמן גיין צו מורנו הבעש"ט טאן עפעס א שירות און אוועקגיין צוריק אהיים. אמאל האט דער תולדות געפילט א חלישות אין חידושי תורה. עס איז דורך א געוויסע צייט און דער לימוד איז געווען בפשי־טות אן חידושים, איז דער תולדות אוועק אין מעזיבוז. ער איז געקומען ווען מורנו הבעש"ט האט געהאלטן פארן דאווענען. האט דער תולדות געבראכט א גחלת דעם בעש"ט אין ליולקע, האט אים מורנו הבעש"ט געזאגט פאר דעם שירות זאל דיר אש אלקי מאיר זיין אין חידושי תורה.

ט. אמאל האט מורנו הבעש"ט גע־זאגט, אז אידן זיינען די תפילין דמארי עלמא, כמאמר (ברכות ו, א) תפילין דמארי עלמא מה כתיב בהו ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, אידן זיינען ממשיך דעם אחד ה' בארץ.

אין תפילין זיינען פאראן צוויי תפי־לין: תפלה של ראש און תפלה של יד. אידן וואס זיינען די תפילין דמארי עלמא זיינען פאראן תפילין של ראש אידן בעלי מוחין און בעלי תורה, און תפילין של יד אידן בעלי מדות טובות.

די ברכה פון הנחת תפילין איז אשר קדשנו במצותיו וצונו וגו'. השי"ת האט אונז אידן געהייליקט מיט די מצות. די ברכה אויף תפילין מאכט מען אויף ביידע תפילין, אויפן של ראש און אויפן של יד, און לייגן באדארף מען ביידע תפילין, אבער פריער לייגט מען תפלה של יד און נאכדעם תפלה של ראש.

אין הנחת תפילין שלמעלה מיינט דער של יד די פעולת עבודה פון אנשים פשוטים, און דער של ראש מיינט די פעולת עבודה פון בעלי תורה. הנחת תפילין שלמעלה איז די עבודה בקבלת עול פון אנשים פשוטים העכער פון דער עבודה פון די בעלי מוחין אין ידיעה והשגת התורה.

י. מורנו הבעש"ט האט געזאגט די תלמידים אז דער דרך אמיתי איז, אז דאס וואס א מענטש זעט און הערט איז ניט קיין צופעליקע זאכן נאר א הוראה מן השמים. מען באדארף מעורר רחמי שמים זיין אז מען זאל זוכה זיין צו פארשטיין דאס וואס מען זעט.

די עבודה אמיתית איז צו זען דעם אמת אז יעדער איד איז א שליח אויף מגלה זיין געטלעכקייט, און די פשוט'ע אידן מיט זייער תמימות זיינען אמת'ע עבדי ה', און האט געהייסן די תלמי־דים זיי זאלן זיך צוקוקן צו ר' פסח דעם וואסערטרעגער ווען ער באדארף אריינגיין אין בית הכנסת דאווענען.

די תלמידי הבעש"ט האבן זיך צו־געקוקט צו ר' פסח'ן איידער ער בא־דארף אריינגיין אין בית הכנסת דאווענען מנחה, ווי ער וואשט די הענט עטלעכע מאל און אפגעווישט מיטן בגד, און ווען ער האט געעפנט די שול טיר און אריין אין בית הכנסת האט זיך זיין פנים פאר־ענדערט מצד היראה, און אז ער האט געקוקט אויף דעם ארון הקודש און גע־זאגט דעם פסוק שויתי ה' לנגדי תמיד

103) הצדיק ר' יעקב יוסף — בן רבי צבי — כ"ץ מפולנאה. בעהמ"ס: תולדות יעקב יוסף, בן פורת יוסף, צפנת פענח, כתונת פסים.

האָט זיך באַ אים געביטן דער פנים אין פאַרשידענע פאַרבן.

מורנו הבעש"ט איז געווען דער ריכטיקער מדריך, געוואוסט וואָס צו ווייזן דער חבריא קדישא, און די תלמידים הקדושים האָבן געהאַט אמת'ע ליכטיקע אויגן צו זען.

יא. איינער פון דעם אַלטן רבי'נס חסידים איז געווען א ישוב'ניק, אַ גרויסער מכניס אורח. ער האָט געהאַט פרנסה בהרחבה און מען האָט אים געהאַלטן פאַר א ישוב'ניק א עושר. ער פלעגט זיך עוסק זיין אין גמילות חסדים, לייען די ישובניקעס גמילות חסדים און איז געווען אַ שטאַרקער נזהר אין תפלה בצבור, דריי מאָל אַ טאָג.

אויף דער עלטער האָט ר' אפרים איבערגעגעבן די עסקי הכפר צו די קינדער און איידים און אַליין איז ער מיט דער אַלטער אַריבער אין ליעפּליא. דאָס געלט וואָס ער האָט גענומען פאַר זיך האָט ער איבערגעגעבן אויף צדקה און ער מיט דער ווייב האָבן גענומען א שמשות אין איינעם פון די ליעפּלער בתי כנסיות.

האָט רבינו הזקן געזאָגט לבנו הוד כ"ק אדמו"ר האמצעי אַז אפרים ליעפּלער איז אַ גרויסער עושר אין אותיות התורה ווייל מיום עמדו על דעתו האָט ער געחזרט חמשה חומשי תורה תהלים און שיתא סדרי משנה על פה.

יב. החסיד ר' אבא מטשאשניק האָט געהערט פון זיין פעטער ר' גדלי' דער בעקער, (ווען ער איז געווען אַ יונגערמאַן איז ער געווען פון דעם מיטעלן רבי'נס מחונכים):

דעם רבי'נס זון, דער רבי, איז געווען אַ איבערגעגעבענער מדריך וואָס פלעגט ניט נאָר מדריך זיין די מחונכים וואָס דער רבי האָט אים איבערגעגעבן אויף הדרכה, נאָר איז אויך געווען אַ גרויסער מדקדק אויף דעם אופן העבודה פון די מחונכים.

מיר מחונכים האָבן גערעכנט אַז בכדי פועל זיין אָן עלי' אין עבודה אין זיך און בפרט אין דעם זולת באַדאַרף מען זיך, לכל הפחות לפנים, שטעלן אויף אַ העכערער דרגא.

האָט אונז דער (מיטעלער) רבי געזאָגט: מען באַדאַרף טאָן מיט זיך אין עבודה ביז עס זאָל פועל'ן אויף דעם זולת.

## ש"פ בהעלותך, בסעודת

א. דער צ"צ האָט אַמאָל [104]) גערעדט צו אידישע סאָלדאַטן פון דער רוסישער אַרמיי און האָט זיי אַזוי געזאָגט:

אויף בייטן דעם דת — ח"ו — מוז מען האָבן מסירת נפש, אפילו ווען דער קיסר הייסט, דאַרף מען האָבן מס"נ און ניט פאָלגן אים.

עס איז אַ דורך אַ משך פון פינף יאָר, האָט אַמאָל פאַסירט, אַז דער קיסר איז געקומען און די אנשי חיל האָבן געוויזן זייערע גבורות און חכמות אין קפיצה און רקידה. דער קיסר האָט שטאַרק הנאה געהאַט און האָט געפרעגט דעם גענעראַל, ווער זיינען די סאָלדאַטן. האָט דער גענעראַל געזאָגט זייערע נעמען, יענקעל, בערל און נאָך אידישע נעמען. איז דער קיסר אַריינגעפאַלן אין

---

104) ראה בקונטרס: הצמח צדק ותנועת ה„השכלה" ס"ז.

גרויס רציחה און האט געהייסן אז זיי זאלן ממיר דת זיין — ח"ו. — האבן די סאלדאטן געענטפערט דעם קיסר:

אה"ח 1234567

אדונינו המלך, מיט פינף יאר צוריק האט דער ליובאוויטשער רבי גערעט צו אונז, אז ממיר זיין דעם דת טאר מען ניט אפילו אז דער קיסר הייסט, און מען באדארף זיך מוסר נפש זיין. און זיינען גלייך אריינגעשפרונגען אין ים און דערטרונקען געווארן.

איז דא געווען צוויי פלאים, ערשטענס וואס זיי האבן געדענקט דעם רבי'נס ווערטער פינף יאר, און צווייטנס וואס דער צ"צ האט אין זיי אריינגעגעבן כחות צו מוס"נ זיין זיך אויף דעם.

ב. ווען דער צ"צ האט גערעט צו די סאלדאטן וועגן מוסר נפש זיין זיך פארן דת, האט ער געהייסן די סאלדאטן מפרסם זיין זייגע ווערטער צווישן אלע סאלדאטן אין אלע זייערע ערטער. האט די ממשלה דערפאר ארעסטירט דעם צ"צ און ער איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון ממשלה זעקס חדשים צייט.

אוצר החכמה

ג. אין יאר תרפ"ה האב איך פארבראכט מיט אנשי חיל אין רוסלאנד, וועלכע זיינען געווען חסידים און האבן געארבעט פאר הרבצת תורה אין רוסלאנד. בהמשך הדיבורים האט מען דאמאלסט גערעט, אז א חסיד איז דער, וועלכער רעט א ביסל, טראכט מערער און טוט נאך מער.

## ש"פ שלח, בסעודת היום [105]

א. בוועליז הי' מלמד ר' ישראל דוב, משכיל ועובד, עוסק בעבודה שבלב באריכות כמעט בכל יום. בשעת התפלה הי' מנגן ובעל בכי, ולפעמים היתה תפלתו ברעש מרעדת את השומעים. בטבעו הי' א פריילעכער, ומרגלא בפומי': א חסיד איז גוט, האט ער איז ער זייער צופרידן, האט ער ניט איז ער ווייטער צופרידן.

הרי"ד הי' תלמידו של החסיד ר' משה דוב מוועליז. החסיד רמ"ד הי' מהאברכים שהכירו את הוד כ"ק אדמו"ר האמצעי, ורוב שנותיו ועיקרם הי' אצל הוד כ"ק אאזמו"ר הרה"ק צמח צדק, ואחרי כן הי' מקושר לכ"ק דודי זקני הרה"צ הרי"ל, ואחריו הי' מקושר להוד כ"ק אאזמו"ר הרה"ק מוהר"ש.

החסיד הרמ"ד הי' ידוע בין החסידים בגודל ידיעתו בדא"ח ולבעל עבודה ובעל מדות תרומיות, א געהארעוועטער חסיד. הי' מרגלא בפומי': אז מען וויל פארדינען מוז מען הארעווען. הוא הי' אומר, בשעת ההתועדות שהי' מדבר אודות תיקון המדות: מאמר העולם [106] פשוט נבילה בשוק ואל תצטרך לבריות, מדות רעות זיינען ווי א נבילה. מיט די הענט דארף מען זיך ניט אנרירן אן דעם, נאר אראפטרייסלען פון זיך, אזוי ווי מען טרייסלט אראפ בלאטע וואס קלעפט זיך אן אויף די פאנטאפל. און דאס איז דער טייטש פשוט נבילה בשוק, נאר אויב דו אליין וועסט דאס ניט טאן, וועט דאס דער צווייטער דיר טאן. און דאס איז ואל תצטרך לבריות, אויב ואל, אויב דו אליין וועסט דיין נבילה — די מדות רעות — ניט ארויס־

105) מיומנו של כ"ק מו"ח אדמו"ר.

106) עיין פסחים קיג א.

ווארפן איז תצטרך לבריות, וועסטו דארפן אנקומען צו אנדערע אז זיי זאלן דאס טאן.

פעם אמר רמ"ד לרי"ד: איך ווייס ניט וואס מיט איך טוט זיך. איר האר־רעוועט און הארעוועט, איר לערנט און דאוונט, איר זינגט מיט א התעוררות, פאטשט מיט די הענט, קלאפט מי די פיס, און לבסוף שטייט איר אויף איין ארט, דערזעלבער ווי נעכטן און אייער־נעכטן. איך ווייס ניט פארוואס איז בא איך עפעס אזוי אז אין בפועל ממש איז גאר נישט פאראן. ווען מיר זיינען געווען יונגע לייט האבן מיר ניט אפגעטראטן ביז וואנען אז פון א הסכם פון א דאוונען איז געווארן א בפועל ממש.

ב. אנכי הכרתי את הרי"ד ושמעתי את תפלתו. בפעם האחרונה שראיתיו הייתי כבן י"ב שנה, וכהיום הנני ת"ל עוד זוכר את המחזה שראיתי בבהכנ"ס במנין הקטן שהתפלל שם, את בכיותיו ואת ניגוניו בשפיכת הנפש.

ג. הכרתי את בנו החסיד ר' חיים וועליזער שהי' סוחר עצים והי' מפליג לריגא. הי' א חסידישער בעל עסק והרבה שמעתי ממנו אודות אביו החסיד.

ד. החסיד ר"מ מרדכי צערנין[22]) הי' כמה שנים מלמד בעיר וועליז וסיפר לי הרבה ענינים מהרי"ד.

ה. החסיד ר' ישראל נחמן הכהן מאריאסין[107]) הי' כמה שנים בוועליז מלמדו של ר' דובער צוקערמאן — בערלין — וסיפר הרבה אודות הרי"ד.

ו. הרי"ד הי' מהאברכים שהתחנכו בימי נשיאותו של הוד כ"ק אדמו"ר צמח צדק, והי' ממקושרי הוד כ"ק אאזמו"ר מוהר"ש.

ז. הוד כ"ק אדמו"ר הזקן הכביד על עדת החסידים בעניני צדקה, שהי' שולח שדרי"ם בשביל: א) החזקת רבותינו באה"ק ת"ו. ב) פדיון שבוים (שלא פרעו בעד החזקת קרקעות ובתי רחים ובתי מלון בפרשת דרכים לבעלי האחוזות). ג) החזקת בני תורה, ועוד ועוד.

ח .אחד מהחסידים התאונן לפני הוד כ"ק רבינו הזקן שאין לו חיות בלימוד ובעבודה שבלב, מען לערנט און מען דאוונט אבער עס איז אן א חיות.

והשיב לו כ"ק רבינו:

וואס איז דער חידוש, אז מען ניצט מותרות, מען עסט ווייס ברויט בימי החול. דער וואס רעכנט אז מצד מצבו קען ער עסן ווייס ברויט אויך בימי החול, דארף ער עסן שווארץ ברויט און דעם יתרון ביז ווייס ברויט אפגעבן אויף צדקה.

ט. אחד מחסידי הוד כ"ק רבינו הזקן שהי' עסקו סוחר בכלים שונים בחצרות של בעלי האחוזות בכל ימי השבוע, ועל ש"ק הי' חוזר לביתו, הי' אומר כי כשהרויח יותר מכפי הרגיל הי' בטוח שכשיבא לש"ק לביתו ימצא שד"ר מכ"ק רבינו או מכתב ממנו בשביל איזה החזקה, והי' בשמחה גדולה אשר השי"ת זיכהו שיוכל למלאות את פקודת כ"ק רבינו בענין ההחזקה.

י. בקיץ תרנ"ה בהיותנו בנאות דשא באליווקא, פעם בסעודת הצהרים אמר הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק למורי הרשב"ץ שיספר מהני מילי מעלייתא.

עמד מורי הרשב"ץ ממקום מושבו וספר:

107) ממחונכי הר"ה מפאריטש. בסוף ימיו מהמכניסים ליחידות אצל כ"ק אדמו"ר מהורש"ב נ"ע. ראה תורת שלום ס' השיחות ע' 321.